בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# הִתְחַזְּקוּת צוּם יוֹם הַדִּין

**אִין דֶעם קוּנְטְרֵס וֶועט אִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס הִילְף טְרֶעפְן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הִתְחַזְקוּת וִוי אַזוֹי אוֹיפְצוּנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע פָארְכְטִיגֶע טֶעג מִיטְן רִיכְטִיגְן בְּלִיק.**

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

בֵּין כֶּסֶה לֶעָשׂוֹר תשע"ד

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְּמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# הִתְחַזְקוּת צוּם יוֹם הַדִּין

## א.

דֶער נָבִיא יְשַׁעְיָה זָאגְט (יְשַׁעְיָה נה, ו): דִּרְשׁוּ ה׳ בְּהִמָּצְאוֹ קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב – זוּךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָוען מֶען קֶען אִים טְרֶעפְן, רוּף אִים וֶוען עֶר אִיז נָאנְט צוּ דִיר. זָאגְן חֲזַ״ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יח ע״א) דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, אִין דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵייעֶר נָאנְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען אִים דֶעמָאלְטְס אַלֶעס בֶּעטְן.

אִין אֶמֶת׳ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן אַז אִין אַ גֶעווִיסֶע צַייט קֶען מֶען אִים יָא בֶּעטְן, אוּן אִין אַנְדֶערֶע צַייט קֶען מֶען אִים נִישְׁט בֶּעטְן, דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז הֶעכֶער פוּן יֶעדֶע צַייט הֶעכֶער פוּן יֶעדֶע פְּלַאץ, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אִין זִיךְ אַזוֹי אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר זָאל ווִיסְן מִיט אַ זִיכֶערְקֵייט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן בַּאשֶׁעפֶער, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם צוּ ווֶעמֶען זִיךְ צוּ ווֶוענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, צוּ אִים קֶען אִיךְ אַלֶעס רֶעדְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן סב):

אַז אַ אִיד הָאט דִי אֱמֶת׳עֶ אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, עֶר שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר

שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ מוֹרָא'דִיגְן גֶעפִיל. אוֹיבּ אַזוֹי קֶען מֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט זָאגְן אַז נָאר אִין אַ גֶעוִויסֶע צַייט אָדֶער אִין אַ גֶעוִויסֶע פְּלַאץ קֶען מֶען אִים בֶּעטְן.

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט זִיךְ כִּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ צַייט אוּן אִין אַ פְּלַאץ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעוֶועלְט אוּנְז קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ וָואס מִיר זֶענֶען גֶעבּוֹירְן מִיט אַ פַארְגְרֶעבְּטְן גוּף, אִין דֶעם הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה וָואס אִיז אַ שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט, אַזוֹי קוּמְט אַרוֹיס דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד, דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה אִיז, אַז עֶר קֶען צַאמְשְׁטֶעלְן גַשְׁמִיוּת מִיט רוּחָנִיוּת - רוּחָנִיוּת מִיט גַשְׁמִיוּת, דָאס הֵייסְט, עֶר קֶען צַאמְשְׁטֶעלְן דֶעם גוּף

וָואס צִיעֶט נָאר צוּ נַארִישְׁקֵייטְן אוּן פַארְגֶרֶעבְּטְקֵייט, מִיט דִי נְשָׁמָה וָואס צִיעֶט נָאר צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַ אִיד וִויבַּאלְד עֶר הָאט אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים גָארְנִישְׁט קַיין סְתִירָה, כָאטְשׁ נִישְׁט אֵייבִּיג פַארְשְׁטֵייט עֶר אַלֶעס, דָאךְ אִיז עֶר שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה, אוּן דוּרְכְדֶעם קֶען עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּערְטְרָאגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַ גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי גוֹיִם, אוּן פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער הָאט עֶר אוּנְז אִידְן אוֹיסְגֶעוֶועלְט, דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, וַוייל וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט גֶעבְּן דִי תּוֹרָה אִיז עֶר קוֹדֶם גֶעגַאנְגֶען צוּ אַלֶע פֶעלְקֶער פוּן דִי וֶועלְט, פְרֶעגְן, צוּ זֵיי ווִילְן מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, הָאבְן זֵיי גֶעפְרֶעגְט וָואס שְׁטֵייט דֶערִין? יֶעדֶע פָאלְק הָאט גֶעטְרָאפְן אִין דִי תּוֹרָה עֶפֶּעס אַזַאךְ וָואס אִיז קֶעגְן

זַיין שְׁלֶעכְטֶע טֶבַע, הָאט עֶר דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין, צוּם סוֹף אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעקוּמֶען צוּ דִי אִידְן, הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ גֶעזָאגְט "נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע", יָא - מִיר וֶועלְן טוּן וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט הֵייסְן, נָאכְדֶעם הָאבְּן זֵיי הֶערְשְׁט גֶעהֶערְט דִי מִצְוֹת וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֵייסְט (שְׁמוֹת כד, ז. וְעַיֵּין שַׁבָּת דַף פח).

בֶּאֱמֶת קֶענֶען דִי אִידְן הָאבְּן אַ שְׁטִיקְל טַעֲנָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער: פַארְוָואס בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז דִי לֶעצְטֶע? וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּעֶן אַז אַן אַנְדֶערֶע פָאלְק וָואלְט גֶענוּמֶען דִי תּוֹרָה? אוֹיף דֶעם קֶען מֶען זָאגְן אַז דִי אִידְן וָואלְטְן סַיי וִוי נִישְׁט שָׁאדְן גֶעהַאט, וִוי מִיר גֶעפוּנֶען (זֹהַר הַקְדָמָה דַף ב, ע"ב) בִּשְׁעַת דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַלֶע אוֹתִיּוֹת אוּן גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל מִיט

זַיי אָנְהֵייבְּן דִי תּוֹרָה, דִי עֶרְשְׁטֶע אִיז גֶעקוּמֶען אוֹת "תּ", דֶערְנָאךְ דִי אַנְדֶערֶע אוֹתִיוֹת אַרוֹיף בִּיז אוֹת "בּ", פַאר יֶעדְן אוֹת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אַן אַנְדֶערְן תֵּירוּץ פַּארְוָואס מֶען קֶען מִיט אִיר נִישְׁט אָנְהֵייבְּן דִי תּוֹרָה, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אוֹת "בּ", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: דוּ וַוייזְט אוֹיף "בְּרָכָה" אִיז זַייעֶר גוּט מֶען זָאל מִיט דִיר אָנְהֵייבְּן דִי תּוֹרָה. דֶער "א" אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין דֶער זַייט, פְּרֶעגְט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער: אַלֶף אַלֶף! פַּארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט אַרַיין ווִי אַלֶע אַנְדֶערֶע אוֹתִיוֹת? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: עֶרְשְׁטֶענְס, אִיךְ זֶעה אַז דוּ הָאסְט יֶעדְן אָפְּגֶעזָאגְט, וָואס הָאב אִיךְ שׁוֹין צוּ גֵיין זִיךְ אַרַיינְשְׁטוּפְּן אוּמְזִיסְט? צְוֵוייטֶענְס, אַז דוּ הָאסְט עֶס שׁוֹין גֶעגֶעבְּן פַארְן ב, פַּאסְט נִישְׁט אַז אַן אַנְדֶערֶער זָאל קוּמֶען אוּן דָאס אוֹיסְכַאפְּן. הָאט דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: אוֹיבּ אַזוֹי וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן מִיט דִיר דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, עֶס וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן מִיט דִי אוֹת "א" - אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ.

יֶעדְן טָאג בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן צִיצִית, זָאגְן מִיר, "אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם", אִיךְ בִּין דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט עֶנְק אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם. פַארְוָואס פוּנְקְט בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע דֶערְמַאנֶען מִיר יְצִיאַת מִצְרַיִם? דָאס קוּמְט אוּנְז צוּ לֶערְנֶען אַז אוֹיבּ מִיר ווִילְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם, אוּן אַז פַּרְעֹה זָאל נִישְׁט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אוּנְז, דָאס קֶען נָאר גֶעשֶׁען אַז מֶען הָאט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, וָואס מֵיינְט מִצְרַיִם? מֵצַר-יָם, אַז דִי מֹחַ אִיז עֶנְג אוּן צֶעקְוֶועטְשְׁט פוּן דִי צָרוֹת וָואס מֶען הָאט (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד), וָואס מֵיינְט פַּרְעֹה? פַּרְעֹה אִיז

דִי אוֹתִיוֹת פֶּה-רַע, אַז אַ מֶענְטְש הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע מוֹיל, עֶר רֶעדְט נֶעבֶּעךְ שְׁלֶעכְטְס אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם (סֵפֶר הַלִיקוּטִים, פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, סִימָן ב, דִיבּוּר הַמַתְחִיל דַע). אוֹיף יֶעדְן טְרֶעפְט עֶר עֶפֶּעס וָואס צוּ רֶעדְן, דָאס קוּמְט נָאר וַוייל עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ מֶענְטְש וָואס שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר ווֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַלֶעס אוּן עֶר מַאכְט אַלֶעס, אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גָארְנִישְׁט דָא, אַזַא מֶענְטְש וֶועט נָאר רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּהן מִיט קֵיינֶעם, וֶועגְן דֶעם וֶוען אַ מֶענְטְש לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, עֶר נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיט דֶעם אַלֵיין גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין

צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, פוּן זַיין עֶנְגְשַׁאפְט אוּן צֶעדְרִיקְטְקֵייט, אוּן עֶר הֶערְט אוֹיף רֶעדְן אוֹיף יֶעדְן.

דָאס אִיז גֶעוֶועןְ דִי מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲלָה פוּנֶעם אוֹת אַלֶ״ף, וָואס אִיז אוֹיךְ מְרַמֵז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶער ״אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם״, אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי זַייט, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: אוֹיב אַזוֹי אַז דוּ שְׁטֵייסְט אִין דִי זַייט, דוּ הָאסְט עֲנָוָה אוּן דוּ ווִילְסְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶער ׳אַלוּפוֹ׳ שֶׁל עוֹלָם, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז אִיךְ וֶועל מִיט דִיר אָנְהֵייבְּן דִי עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת: אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם, אִיךְ בִּין דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט דִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם; וַוייל מִיט אֱמוּנָה גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם.

אַ אִיד הָאט אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע טֶבַע אַז עֶר הַאלְט זִיךְ קְלֵיין אוּן עֶר שְׁטֵייט שְׁטֶענְדִיג אִין דִי זַייט (עַיֵין חֻלִין דַף

פט ע"א), דֶערְפַאר קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי תוֹרָה אוּן בַּאקוּמֶען אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת.

דָאס הֵייסְט, אַז כְּדֵי אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין גֶעטְלִיכְקֵייט, אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ נָאר וֶוען עֶר אִיז גוּט גוּט צֶעבְּרָאכְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ בִּיטֶערֶע נְפִילָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָדֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אִים דוּרְךְ אִין לֶעבְּן שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, בִּיז עֶר פִּילְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶק וֶועלְט, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז עֶר דַארְף זִיךְ פָּשׁוּט צִיפְּן צוּ זֶעהן צוּ עֶר לֶעבְּט, אוּן צוּ עֶר אִיז בִּכְלַל אַ מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז אִים אַ וואוּנְדֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן פוּן אַזוֹיפִיל צָרוֹת, אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן אַזוֹי גָארְנִישְׁט בַּיי זִיךְ, הָאט גָאר אַן

אַנְדֶערֶע גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר אִיז מוֹרָא׳דִיג נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַוַדַאי פוּנְדְרוֹיסְן קֶען קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן וֶוער עֶס אִיז בֶּאֱמֶת נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און וֶוען מֶען אִיז בֶּאֱמֶת נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אַז דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם זָאל קֶענֶען פַארְדֶעקְן דִי קְדוּשָׁה, וֶועגְן דֶעם כַאפְּט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ אַז אַמָאל דַוְקָא וֶוען עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אָדֶער וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע מַצָבִים אִין לֶעבְּן, דַוְקָא דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר מוֹרָא׳דִיג נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן און זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר פַאלְט נֶעבֶּעךְ

אַרָאפּ אִין גְרָאבֶּע זִינְד, בִּיז עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן דֶערְנִידֶערְט אוּן צוּקְלַאפְּט, דָאךְ זָאל עֶר זִיךְ דַאן אוֹיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, וַוייל עֶס קֶען גָאר זַיין אַז פּוּנְקְט יֶעצְט וֶוען עֶר אִיז אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן פִילְט זִיךְ אַזוֹי גָארְנִישְׁט, יֶעצְט אִיז עֶר דִי מֶערְסְטֶע נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִיק, אַ צַדִיק אִיז בַּיי זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גָארְנִישְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע), עֶר אִיז בַּיי זִיךְ אַזוֹי גָארְנִישְׁט בִּיז עֶר פִילְט זִיךְ נִישְׁט מֶער וִוי אַ שְׁטִיק עֶרְד (עַיֵין סוֹטָה ה, ע"א), עֶר הָאט שׁוֹין אִינְזִין וִויאַזוֹי זַיין קֶערְפֶּער וֶועט זַיין אִין קֵבֶר, אוּן וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט אִים וֶוען זַיין נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיף גֵיין אוֹיבְן, עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אַז עֶר הָאט דִי נִידְרִיגְסְטֶע נְשָׁמָה וָואס אִיז נָאר גֶעוֶוען זַייט דִי וֶועלְט שְׁטֵייט, אוֹיב אַזוֹי וֶועט עֶר דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט זוֹכֶה זַיין

צוּ עוֹלָם הַבָּא, בִּיז עֶר בַּאשְׁלִיסְט אַז עֶר גֵייט דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אֲפִילוּ אָן עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז בַּיים בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נִישְׁט אֵיינְמָאל פַּאסִירְט אַז עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קַיין עוֹלָם הַבָּא, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ וֶועל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא.

אֵיינְמָאל אִיז צוּם בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ גֶעקוּמֶען אַן עֲקָרָה, וָואס הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, הָאט עֶר אִיר צוּגֶעזָאגְט אַז זִי וֶועט הָאבְּן אַ קִינְד, אָבֶער וִויבַּאלְד עֶר הָאט צוּלִיבּ דֶעם גֶעדַארְפְט טוֹישְׁן דִי טֶבַע פוּן דִי וֶועלְט, הָאט מֶען פוּן הִימְל אוֹיסְגֶערוּפְן אַז עֶר וֶועט קַיין עוֹלָם הַבָּא מֶער נִישְׁט הָאבְּן, דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ הָאט זִיךְ אָבֶער נִישְׁט

פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעזָאגְט: בָּרוּךְ הַשֵׁם, יֶעצְט וֶועל אִיךְ קֶענֶען דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אָן עוֹלָם הַבָּא. [וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִירְט, אַז אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, אַז עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר בַּיי זִיךְ זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז אֲפִילוּ עֶס דַאכְט זִיךְ אִים, אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּהן אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת אַז עֶר וֶועט שׁוֹין סֵיי ווִי נִישְׁט הָאבְּן קַיין עוֹלָם הַבָּא, דָאךְ זָאל עֶר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער נִישְׁט אָפְּלָאזְן, אוּן דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן מח)].

דֶער צַדִיק ווִיבַּאלְד עֶר שְׁפִּירְט דָאס שְׁטֶענְדִיג, עֶר פִילְט בַּיי זִיךְ נִישְׁט מֶער ווִי אַ שְׁטִיק עֶרְד, דֶערִיבֶּער בַּאקוּמְט עֶר דִי כֹּחַ פוּן עֶרְד, אַז יֶעדֶער צִיעֶט צוּ אִים,

פּוּנְקְט וִוי דִי עֶרְד הָאט אַ מַאגֶנֶעטִישְׁן כֹּחַ אַז עֶס צִיעֶט אַלֶעס צוּ זִיךְ, נָאר אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ הַאלְטְן דָא אוֹיף דֶער עֶרְד, דֶער גַאנְצֶער קַיילֶעכִיגֶער עֶרְד-קוּגֶעל וואוּ מִיר גֶעפוּנֶען זִיךְ, מִיט אַלֶע בֶּערְג אִין טָאלְן, יַמִים אוּן וַואסֶערְן, דִי בִּילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן מִיט אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס וָואס אִיז אַלְץ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז דָאךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע וואוּנְדֶער, אַלֶעס אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִין אֵיין קְלֵיינֶער בָּאלִי וָואס הֶענְגְט אִין דִי לוּפְטְן, אוּן הַאלְט זִיךְ אוֹיף גָארְנִישְׁט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אִיּוֹב כו, ז): תּוֹלֶה אֶרֶץ עַל בְּלִימָה. אוֹיב אַזוֹי וִוי קֶענֶען זִיךְ מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן אוֹיף אַ רוּנְדֶעכִיגֶע זַאךְ אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, דִי פוּן אוּנְטְן אוּן פוּן דִי צְוֵויי זַייטְן פוּן דֶער וֶועלְט, וָואלְטְן דָאךְ גְלַייךְ גֶעדַארְפְט אַרָאפּ פַאלְן אִין דִי לוּפְט אַרַיין ? !

נָאר דִי עֶרְד הָאט אִין זִיךְ אַ צִיאוּנְגְס קְרַאפְט, אַ מַאגֶענֶעטִישְׁן כֹּחַ וָואס צִיעֶט אַלֶעס צוּ זִיךְ, אֲפִילוּ מֶען זָאל עֶפֶּעס אַרוֹיפְוַוארְפְן וֶועט דָאס נָאר פְלִיעֶן וִוילַאנְג עֶס לִיגְט דֶערִין דֶער קְרַאפְט וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט, אֵיינְמָאל דֶער קְרַאפְט הֶערְט זִיךְ אוֹיף פַאלְט דָאס גְלַייךְ צוּרִיק צוּ דֶער עֶרְד, דֶערִיבֶּער וִוי אַ מֶענְטְשׁ אִיז, קֶען עֶר שְׁטֵיין אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע), אַז אַ צַדִיק הָאט אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע כֹּחַ וִוי עֶרְד, דֶערִיבֶּער צִיעֶן זִיךְ מֶענְטְשְׁן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ אַ צַדִיק.

דָאס גֶעשֶׁעהט אָבֶּער נָאר וִוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ גוּט צוּבְּרָאכְן, עֶר פִילְט בַּיי זִיךְ וִוי אֵיינֶער וָואס הָאט אָפְּגֶעטוּן דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵירָה, אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט

זַייעֶר שְׁנֶעל אוֹיסְהֶערְן דֶעם צַדִיק, וַוייל אַז עֶר פִילְט בַּיי זִיךְ אַזוֹי נִידְרִיג אוּן גָארְנִישְׁט, וֶועט עֶר זִיךְ גְלַייךְ צִיעֶן צוּם צַדִיק, וָואס אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, אוּן דֶער צַדִיק וֶועט אִים גְלַייךְ צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז כִּבְיָכוֹל אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, מֶען קֶען אִים נִישְׁט זֶעהן אָדֶער אוֹיסְמָאלְן.

וַוייל וָואס אִיז דֶען דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּן אַ צַדִיק? נָאר מְגַלֶה צוּ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ צַדִיק בְּרֶענְגְט צוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר לוֹיפְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר לֶערְנְט אִים אוֹיס אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, עֶס אִיז אַ שָׁאד נָאכְצוּלוֹיפְן מֶענְטְשְׁן, בֶּעסֶער זָאל עֶר אָפְלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן נָאר לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר וֶוערְט אַ צַדִיק אוֹיךְ

אָנְגֶערוּפְן אֶרֶץ (עַיֵין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת), וָואס אִיז דֶער לָשׁוֹן פוּן אָרוּץ - אִיךְ לוֹיף צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער צַדִיק אַלֵיין הָאט זִיךְ אַזוֹיפִיל אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי אֱמוּנָה, בִּיז זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נָאר אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר אָטֶעמְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גְמָרָא זָאגְט (חֲגִיגָה יב ע"ב) אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף אֵיין זוֹיל, וָואס אִיז דִי זוֹיל? דֶער צַדִיק. זָאגְט דִי גְמָרָא (מַכּוֹת כד ע"א): וָואס הֵייסְט אַ צַדִיק? וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (חֲבַקוּק ב, ד): וְצַדִיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה. חֲבַקוּק הַנָבִיא הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דִי גַאנְצֶע יְסוֹד פוּן אַ אִיד וֶוענְדְט זִיךְ אִין אֵיין זַאךְ - אִין אֱמוּנָה, וָואס מֶער אֱמוּנָה עֶר הָאט, אַלְץ נֶענְטֶער אִיז עֶר צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אוּן וִויבַּאלְד דֶער צַדִיק אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, זַיין גַאנְצֶע

לֶעבְּן אִיז נָאר אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה, דֶערִיבֶּער קֶען עֶר אִין יֶעדְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי רֵיינֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער.

לוֹיט דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר גוּט מֶעסְטְן צוּ עֶר אִיז מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶתְ׳עֶן צַדִיק אָדֶער נִישְׁט, אוֹיבּ פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, עֶר הֵייבְּט אָן אַיינְצוּזֶעהן וֶוער עֶר אִיז, עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן גוּט צוּ בַּאטְרַאכְטְן, אוּן עֶר דֶערְזֶעהט זִיךְ מִיט זַיינֶע גְרָאבֶּע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט אַלְץ אָפְּגֶעטוּהן, עֶס וֶוערְט אִים בִּיטֶער פַאר דִי אוֹיגְן: אוֹי וֵויי! גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן וואוּ נִידְרִיג בִּין אִיךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן וְכוּ׳. עֶר אִיז מַמָשׁ צוּבְּרָאכְן וִוי אַ שְׁטִיקְל שַׁארְבּ, פְּלוּצְלִינְג זָאגְט אִים דֶער צַדִיק: דוּ וֵוייסְט, דוּ הָאסְט טַאקֶע קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז

שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר, אוּן פַּאר אִים קֶענְסְטוּ אַלֶעס אוֹיסְפַּארְצֵיילְן, אוּן עֶר וֶועט דִיךְ אוֹיף אַלֶעם מוֹחֵל זַיין. דָאס אִיז אַ קְלָארֶע סִימָן אַז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַן אֶמֶתְ׳עֶן צַדִיק, וַוייל אַ צַדִיק בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ שִׁפְלוּת, עֶר זָאל וִויסְן וואוּ עֶר שְׁטֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן עב), אָבֶער אוֹיב אִיז מֶען נָאר פַּארְנוּמֶען מִיט גְרוֹיסְקֵייט, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי בַּאגְרוֹיסְט, אַלֶעס אִיז נָאר אִיךְ אִיךְ אוּן נָאכְאַמָאל אִיךְ, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם צַדִיק, אוֹיךְ אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר אִיז גֶעשְׁלָאגְן מִיט פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן יא), אַז גֵאוּת מִיט נִיאוּף גֵייעֶן צוּזַאמֶען. וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן שְׁמוּצִיג מִיט נִיאוּף, אַלְץ גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּבֶער הַאלְט עֶר זִיךְ, אוּן וַוייגְן זָאל זִיךְ אֵיינֶער צוּ

אָנְרִירְן זַיין כָּבוֹד אָדֶער רֶעדְן אוֹיף אִים... וִוידֶעְרְאוּם וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אַן אֶמֶת׳עֶר צַדִיק, הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אַ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פַארְרֶעכְטְן.

דֶערְפַאר קֶען קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט שְׁפִּירְן קַיין חַיוּת אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס סְפָרִים, נָאר וֶועם עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען עֶפֶּעס אִין לֶעבְּן, אוּן וָואס מֶער עֶס אִיז אוֹיף אִים אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, אַלְץ מֶער כַאפְּט עֶר דִי בְּרֶסְלֶב׳עֶר סְפָרִים, אוּן עֶר קוּקְט אִין דֶעם אַרַיין מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגְן גֶעפִיל אוּן חֵשֶׁק, עֶס וואוּנְדֶערְט אִים פוּן וואוּ וֵוייסְט דֶער מְחַבֵּר פוּן דֶעם סֵפֶר׳ל אַזוֹי גוּט וָואס אוֹיף מִיר גֵייט אַדוּרְךְ? עֶר רֶעדְט דָאךְ מַמָשׁ צוּ מִיר,

אַזַא רוּחַ הַקוֹדֶשׁ...? אַ רֶבִּי פוּן מֶער פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, זָאל מִיט אַ פָּשׁוּטֶ'ע סֵפֶר פוּן אַפָּאר בְּלֶעטְלֶעךְ, וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פַאר אַפָּאר סֶענְט, אַזוֹי שְׁטַארְק מִיךְ קֶענֶען מְחַיֶה זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין? אַזוֹי אָנְצִינְדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער...? עֶר קֶען זִיךְ מַמָשׁ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן.

דֶער בְּרֶען אוּן פְלַאם הַאלְט זֵייעֶר שֵׁיין אָן וִוילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוּט צוּבְּרָאכְן, אֵיינְמָאל אַז עֶר קוּמְט אַבִּיסְל צוּ זִיךְ, עֶר פִילְט זִיךְ שׁוֹין וַוייטֶער אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן אוּן גְרוֹיס, הֵייבְּט בַּיי אִים אָן נָאכְצוּלָאזְן דִי גַאנְצֶע אֵייפֶער אוּן גֶעפִיל צוּם רֶבִּינְ'ס הֵיילִיגֶע סְפָרִים, פְּלוּצְלִינְג וֶועסְטוּ הֶערְן פוּן אִים: פַארְוָואס מַאכְט מֶען אַזַא אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ פוּן דִי סְפָרִים? עֶס אִיז דָא נָאךְ אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע סְפָרִים. אוּן וָואס מֶער עֶר בְּלָאזְט זִיךְ

אוֹיף אַלְץ מֶער וֶוערְט בַּיי אִים אָפְּגֶעקִילְט דִי אֱמוּנָה אִינֶעם צַדִיק, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם צַדִיק, אוּן צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט פַארְלִירְט עֶר אוֹיךְ דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ תְּהִלִּים׳ל, וואוּ יֶעדֶער אִיד טְרֶעפְט זִיךְ אִין דֶעם, עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מִיט אַזַא מוֹרָא׳דִיגְן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער טְרֶעפְט דֶערִין זַיין צָרָה אוּן זַיין מַצָב וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן עג), וִוי אַזוֹי הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ? וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן דָוִד הַקָטָן - דֶער קְלֵיינֶער דָוִד (עַיֵין מְגִילָה דַף יא ע״א), אוֹיסֶערְדֶעם אִיז אוֹיף אִים אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, מַחֲלֹקֶת אוּן רְדִיפוֹת, אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ

צוּ פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי אֵיין מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקֶענְט אַזוֹיפִיל אַרִיבֶּערְטְרָאגְן אִין זַיין לֶעבְּן, אַלְץ קִינְד הָאט מֶען שׁוֹין גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין כָּשֵׁר קִינְד, דִי בְּרוּדֶער הָאבְּן אִים צוּלִיבּ דֶעם פַארְטְרִיבְּן פוּנְדֶערְהֵיים אַלְץ יוּנְג קִינְד (עַיֵין יַלְקוּט הַמָּכִירִי תְּהִלִים, מִזְמוֹר קיח, אוֹת כח), נָאכְדֶעם וֶוען מֶען הָאט זִיךְ בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֶעקֶענְט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט גָּלְיַת, הָאט מֶען בְּלֵית בְּרֵירָה גֶערוּפְן דָוִדְ'ן פוּן פֶעלְד, אַז עֶר זָאל גֵיין מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט אִים, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּן מַכְנִיעַ גֶעוֶוען גָּלְיַת (שְׁמוּאֵל א, פֶּרֶק יז), יֶעצְט אַז עֶר הָאט גֶערַאטֶעוֶועט אַלֶע אִידְן פוּן גָּלְיַת, וָואלְט מֶען דָאךְ אִים גֶעדַארְפְט מַכִּיר טוֹבָה זַיין, בִּיזְדֶערְוַוייל הֵייבְּט זִיךְ אָן אוֹיף אִים אַ גֶעפֶערְלִיכֶע מַחֲלֹקֶת, זַיין גְרוֹיסֶער שְׁוֶוער שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ, הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע

דַאֲגוֹת נָאר אִים צוּ כַאפְּן אוּן הַרְגְ'נֶען (שָׁם פֶּרֶק יט; וּבִתְהִלִּים נט, א), עֶר נֶעמְט צַאם זַיין גַאנְצֶע אַרְמֵיי אוּן מֶען לוֹיפְט כַאפְּן דָוִד, דָוִד לוֹיפְט דָא לוֹיפְט דָארְטְן, וואוּ עֶר גֵייט בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ, צוּ רַאטֶעוֶוען זַיין לֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ'.

עֶנְדְלִיךְ אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוָוארְן דֶער מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעהַאט אוֹיסְצוּשְׁטֵיין גֶעפֶערְלִיכֶע בּוּשׁוֹת, מִיטְמַאכֶנְדִיג דִי פַּרְשָׁה פוּן אַמְנוֹן אוּן תָּמָר (שְׁמוּאֵל ב, פֶּרֶק יג), וֶוער רֶעדְט נָאךְ נָאכְדֶעם וֶוען זַיין אֵייגֶענֶע זוּן אַבְשָׁלוֹם אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַקֶעגְן אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם (שָׁם פֶּרֶק טו), אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאט נֶעבֶּעךְ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אוֹיסְצוּשְׁטֵיין צָרוֹת אוּן בִּיטֶערְנִישׁ מִיט בִּזְיוֹנוֹת, אָבֶּער דַוְקָא וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן

אַזוֹי גָארְנִישְׁט, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז פוּן אִים וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען מָשִׁיחַ.

מִיר גֶעפוּנֶען אִין תְּהִלִים (קַאפִּיטְל קי״ט, קעו), ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט זִיךְ בַּיים בַּאשֶׁעפֶער: תָּעִיתִי כְּשֶׂה אֹבֵד בַּקֵּשׁ עַבְדֶּךָ כִּי מִצְוֹתֶיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי - אִיךְ בִּין פַארְבְּלָאנְדְשֶׁעט גֶעוָוארְן ווִי אַ פַארְלוֹירֶענֶע שֶׁעפְּסֶעלֶע, זוּךְ אוֹיף דַיין קְנֶעכְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט פַארְגֶעסְן דַיינֶע מִצְוֹת. צוּ פַארְשְׁטֵיין קְלָארֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מוֹרָא׳דִיגֶע תְּפִלָה וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט דָא גֶעבֶּעטְן בַּיים סוֹף פוּן זַיין לֶעבְּן, עֶרְקְלֶערְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רו), וֶוען מֶען זֶעהְט אַ פַּאסְטוּךְ זִיצְט מִיט דִי שָׂאף אוּן אֵיין שָׂאף אִיז פְּלוּצְלִינְג פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ עֶרְגֶעץ וואוּ פַארְלוֹירְן פוּנֶעם פַאסְטוּךְ מִיט דִי סְטַאדֶע שֶׁעף, וָואס טוּט דֶער פַאסְטוּךְ? עֶס אִיז דָאךְ

אִים אַ שָׁאד אוֹיף יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע שָׁאף, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ זִינְגֶען מִיט זַיין פַּייפֶערְל, אוֹיבּ דִי שֶׁעפֶּעלֶע הֶערְט נָאךְ דִי קוֹל קוּמְט עֶס גְלַייךְ צוּרִיק, דֶערְקֶענֶענְדִיג דָאס קוֹל פוּנֶעם פַּייפֶערְל, אָבֶער אוֹיבּ אִיז עֶס שׁוֹין פַּארְגַאנְגֶען אַזוֹי וַוייט אַז עֶס הֶערְט שׁוֹין נִישְׁט דִי קוֹל פוּנֶעם פַּייפֶער, אִיז שׁוֹין דֶער פַּאסְטוּךְ אִין אַ פַּארְלֶעגֶענְהֵייט, צוּפִיל קֶען עֶר נִישְׁט אַרוּמְקֶרִיכְן אִין וַואלְד אִיר אוֹיפְזוּכְן, וַוייל בַּאלְד וֶועלְן אַלֶע שָׁאף אַנְטְלוֹיפְן, וֶועגְן אֵיין שֶׁעפֶּעלֶע קֶען מֶען נִישְׁט פַּארְלִירְן אַלֶע שָׁאף, דֶערִיבֶּער הֶערְט עֶר אוֹיף אִיר זוּכְן, אַמָאל קֶען אֲפִילוּ זַיין אַז דִי שֶׁעפֶּעלֶע אִיז שׁוֹין כִּמְעַט צוּרִיק נֶעבְּן דֶעם פַּאסְטוּךְ, אוּן וֶוען עֶס הֶערְט דַאן אֵיין פַּייף וָואלְט עֶס גְלַייךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אָבֶער דֶער פַּאסְטוּךְ הָאט זִיךְ

שׁוֹין מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען צוּ רוּפְן אוּן צוּ זִינְגֶען, דֶערִיבֶּער וֵוייסְט עֶס נִישְׁט צוּ קוּמֶען, אוּן מֶען טְרֶעפְט דָאס נִישְׁט.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - אִיז מִיט אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה, וָואס פַארְקְרִיכְט גֶעבֶּעךְ פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט אַוֶועק עֶרְגֶעץ וואוּ, דֶער צַדִיק הָאט נִישְׁט קַיין מְנוּחָה, עֶר וִויל צוּרִיק הָאבְּן יֶעדֶע נְשָׁמָה, דֶערִיבֶּער גֵייט עֶר אוּן זוּכְט אַלֶע פַארְלוֹירֶענֶע נְשָׁמוֹת, זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זוּכְט אוּן עֶר זוּכְט בִּיז עֶר טְרֶעפְט אַלֶע אֲבֵדוֹת, אַלֶע פַארְלוֹירֶענֶע נְשָׁמוֹת גֶעפוּנֶען זִיךְ בַּיים צַדִיק, יֶעצְט דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ קוּמֶען צוּם צַדִיק אָפְּנֶעמֶען זַיין אֲבֵדָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קפח), אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּמֶען צוּם צַדִיק עֶר זָאל אִים צוּרִיק גֶעבְּן זַיין נְשָׁמָה וָואס עֶר הָאט פַארְלוֹירְן, עֶר זָאל אִים

צוּרִיק אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זַיין לֶעבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער
וָואס אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן פוּן אִים, יֶעצְט, אוֹיבּ הֶערְט
מֶען נָאךְ דֶעם קוֹל פוּנֶעם צַדִיק, קוּמְט מֶען גְלַייךְ צוּ
אִים, אוּן מֶען הֵייבְּט צוּרִיק אָן לֶעבְּן אַ פֵיין לֶעבְּן מִיט
אֱמוּנָה, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס רַייסְן אָפּ
פוּנֶעם צַדִיק, זֵיי טְרֶעפְן אַלֶע עֶרְלֵיי תֵּירוּצִים דִיר אַוֶועק
צוּשְׁטִיפֶּען פוּן דֶעם צַדִיק וָואס קֶען דִיר הֶעלְפְן, בִּיז
דֶער מֶענְטְשׁ דֶערְקֶענְט שׁוֹין נִישְׁט דֶעם קוֹל פוּן צַדִיק,
דֶעמָאלְטְס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי
נָאנְט עֶר אִיז צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז אֲפִילוּ
עֶר אִיז שׁוֹין זֵייעֶר פַארְקְרָאכְן דָאךְ קֶען עֶר אִין אֵיין
מִינוּט צוּרִיק קוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶר זָאל נָאר גֵיין
צוּם צַדִיק אוּן אוֹיסְהֶערְן זַיין קוֹל, אוֹיסְהֶערְן דִי עֵצוֹת
פוּנֶעם צַדִיק אוּן אִים פָאלְגְן, וָואלְט עֶר גְלַייךְ גֶעוֶוען

צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַז מֶען רַייסְט אִים אַוֶועק פוּן צַדִיק, מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט הֶערְן וָואס דֶער צַדִיק הָאט צוּ זָאגְן, וָואס קֶען מֶען טוּהן.

דָוִד הַמֶלֶךְ וִויבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן אַזוֹי נִידְרִיג אוּן גָארְנִישְׁט, הָאט עֶר דָאס גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ צוּבְּרָאכְן הַארְץ: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! תָּעִיתִי כְּשֶׂה אֹבֵד - אִיךְ בִּין גֶעבֶּעךְ פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט גֶעוָוארְן וִוי אַ פַארְלוֹירֶענֶע שֶׁעפֶעלֶע, אִיךְ בִּין טַאקֶע אַוֶועק פוּנֶעם דֶרֶךְ הַיָשָׁר, אָבֶּער אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם: בַּקֵּשׁ עַבְדֶּךָ - זַיי זִיךְ נָאכְנִישְׁט מְיַיאֵשׁ פוּן מִיר, לָאז מִיךְ נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם פַארְפַאלְן גֵיין, נָאר זוּךְ מִיךְ וַוייטֶער אוֹיף, פַארְוָואס: כִּי מִצְוֹתֶיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי - אִיךְ הָאב דָאךְ נָאכְנִישְׁט פַארְגֶעסְן דַיינֶע

מִצְוֹת, אִיךְ דֶערְקֶען נָאךְ דַיין קוֹל, דֶערְפַאר קֶער מִיךְ צוּרִיק אוּם צוּ דִיר וִוי שְׁנֶעלֶער.

וָואס זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַלֶעם? אַז וָואס נִידְרִיגֶער אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ, אוּן וָואס נִידְרִיגֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז טַאקֶע, אַז עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת וִוי עֶר הַאלְט, אַז עֶר אִיז טַאקֶע דֶער גֶעמֵיינְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶער נִידְרִיגְסְטֶער נְשָׁמָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נָאר אַמָאל בַּאשַׁאפְן זִינְט דִי וֶועלְט שְׁטֵייט, אוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע נְשָׁמָה וָואס וֶועט זַיין ווִילַאנְג דִי וֶועלְט וֶועט שְׁטֵיין, אַזַא מֶענְטְשׁ צִיעֶט זִיךְ אוֹיטָאמַאטִישׁ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר וֶוערְט אֵיינְס מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

## ב.

אַ מֶענְטְש דַארְף וויסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְט דָא אויסֶערְן אֵייבֶּערְשְטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער אִיז אַלֶעס, און אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער אִיז אִיבֶּעראל, עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען און עֶר וֶועט אֵייבִּיג זַיין, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט זִיךְ כִּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער אַיינְגֶעצוּימְט, און זִיךְ אָנְגֶעקְלֵיידֶעט אִין דִי בְּרִיאָה וָואס מִיר זֶעעֶן, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן אַ גַאנְצֶע וֶועלְט, אִין דֶעם אִיז דָא זִיבְּן און אַהַאלְבּ בִּילְיָאן מֶענְטְשְׁן, בִּילִי בִּילְיָאנֶען חַיוֹת, פוּנֶעם קְלֵיינֶעם מוּרִישְׁקֶע בִּיזְן גְרוֹיסְן וויזְל-טִיר, אָן אַ צָאל גְרָאזְן, בֵּיימֶער, גֶעוִויקְסְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דוֹמֵם, עֶס אִיז נִישְט מֶעגְלִיךְ צוּ צֵיילְן וויפִיל שְטִיקְלֶעךְ עֶרְד עֶס אִיז דָא, אִין יֶעדֶע זַאךְ לִיגְט בַּאהַאלְטְן דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אָבֶּער פוּן אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דִי אִידְן פַאר זַיין פָּאלְק, אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִין דִי תּוֹרָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, וִוי עֶס שְׁטֵייט (זֹהַר אַחֲרֵי, דַּף עג ע״א): קוּדְשָׁא בְּרוּךְ הוּא אוֹרַיְיתָא וְיִשְׂרָאֵל חַד הוּא - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִי תּוֹרָה אוּן דִי אִידְן זֶענֶען אֵיינְס. פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פּוּנְקְט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דִי אִידְן? וַוייל פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער הַאלְטְן זִיךְ נָאר דִי אִידְן קְלֵיין אוּן גָארְנִישְׁט, אִידְן זֶענֶען אֵיינְס פוּן דִי זֶעקְס זַאכְן וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעפְּלַאנְט נָאךְ פַארְן בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה א, ד), וַוייל נָאר דִי אִידְן הָאבְּן בֶּאֱמֶת אַ נְשָׁמָה, אִידְן זֶענֶען עֶצֶם הַנְּשָׁמוֹת, דִי נַאטוּר פוּן אַ אִיד אִיז זִיךְ קְלֵיין צוּהַאלְטְן, וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן

צוּ גֶעבְּן דִי תּוֹרָה דַוְקָא אוֹיפְן בַּארְג סִינַי, וִוי חֲזַ"ל פַארְצֵיילְן (סוֹטָה ה, ע"א; בַּמִדְבָּר רַבָּה יג, ג), אַז דִי בֶּערְג תָּבוֹר וְכַרְמֶל זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן, מֶען זָאל אוֹיף זֵיי גֶעבְּן דִי תּוֹרָה, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: נֵיין, אִיךְ וֶועל גֶעבְּן דִי תּוֹרָה דַוְקָא אוֹיפְן בַּארְג סִינַי וָואס אִיז דִי נִידְרִיגְסְטֶע בַּארְג.

אִין דִי תּוֹרָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן אָן אַ שִׁיעוּר דִינִים אוּן הֲלָכוֹת, וָואס אִיז גֶעוָואנְדְן לוֹיט דִי צַייט, אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ צַייט, פוּן אֵיין זַייט דְרֵייט זִיךְ דֶער זוּן אוּן פוּן אֵיין זַייט דִי לְבָנָה, יֶעצְט אִיז טָאג אוּן יֶעצְט אִיז נַאכְט, אַזוֹי אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁטֶערְנְס אוּן פְּלַאנֶעטְן אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דִי עֶרְד קוּגֶעל מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן סֵדֶר, יֶעדֶע זַאךְ אִין זַיין פְּלַאץ אוּן אִין זַיין צַייט, לְמָשָׁל

עֶס אִיז דָא זֶעקְס טֶעג אִין דִי וָואךְ אוּן דִי זִיבֶּעטֶע טָאג אִיז שַׁבָּת, יֶעדְן טָאג אַלֵיין אִיז אוֹיךְ אַיינְגֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי זְמַנִּים, יֶעדֶע זְמַן הָאט אַן אַנְדֶערֶע תְּפִלָּה, צוּפְרִי וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף דַאוֶוענְט מֶען גְלַייךְ שַׁחֲרִית, וָואס אִיז אַקֶעגְן אַבְרָהָם אָבִינוּ, נָאכְמִיטָאג שְׁטֶעלְט מֶען אַלֶעס אָפּ אוּן מֶען לוֹיפְט דַאוֶוענֶען מִנְחָה, וָואס אִיז אַקֶעגְן יִצְחָק אָבִינוּ, וִוי עֶס וֶוערְט נַאכְט גֵייט מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, דָאס אִיז אַקֶעגְן יַעֲקֹב אָבִינוּ (בְּרָכוֹת כו ע״ב), אַזוֹי הָאט יֶעדֶע זַאךְ אִין דִי וֶועלְט זַיין צִמְצוּם, צוּ אִיז דָאס אַ גֶעוִויסֶע פְּלַאץ, אָדֶער אַ גֶעוִויסֶע צַייט, אָדֶער אַ גֶעוִויסֶע מֶענְטְשׁ, יֶעדֶע זַאךְ הָאט זִיךְ זַיין בַּאזוּנְדֶערֶע אֵייגֶענַארְטִיקֵייט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת סֵפֶר תּוֹרָה, הֲלָכָה ד, אוֹת ו).

דִּי הֶעכְסְטֶע צַייט פוּן יָאר אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער קָאפּ פוּן יָאר, דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן אָדָם הָרִאשׁוֹן, אוּן דַאן הֵייבְּט מֶען אָן צוּ מִשְׁפָּטְ'ן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְצֶע יָאר, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז אָבֶּער גֶעגֶעבְּן אַ גֶעלֶעגֶענְהֵייט נָאךְ זִיבְּן טֶעג בִּיז יוֹם כִּיפּוּר, צוּ קֶענֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, פּוּנְקְט וִוי אַ טַאטֶע גֶעבְּט אַבִּיסְל צַייט פַאר אַ קִינְד וָואס הָאט וִוידֶערְגֶעשְׁפֶּענִיגְט, עֶר זָאל קֶענֶען צוּרִיקְצִיעֶן אוּן חֲרָטָה הָאבְּן, דִּי זֶעלְבֶּע זַאךְ הָאט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, צֶען טֶעג וָואס דַאן קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, פוּן נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז יוֹם הַקָּדוֹשׁ אִיז דָא זִיבְּן טֶעג, יֶעדֶע פוּן דִּי זִיבְּן טֶעג אִיז מְכַפֵּר אַקֶעגְן דֶעם טָאג פוּנֶעם גַאנְצְן יָאר (יַעְרוֹת דְּבַשׁ, חֵלֶק א, דְּרוּשׁ א), אַ

מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אִין דִי טֶעג אוֹיסְ'טַעֲנָה'ן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף, בִּיז עֶס קוּמְט יוֹם כִּפּוּר דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶעס מוֹחֵל, אוּן עֶר חַתְמְ'עֶט אָפּ אַ גוּט יָאר.

זִיכֶער קֶען מֶען אַגַאנְץ יָאר אוֹיךְ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאךְ אִין דִי טֶעג קֶען מֶען וֶוערְן אַסַאךְ נֶענְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שׁוֹין נֶעבֶּעךְ אָפְּגֶעטוּן וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּן, אַזוֹי וַוייט אַז אֲפִילוּ אִין דִי זִיבְּן טֶעג פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶועזְן בַּייִם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז יֶעצְט, אִיז עֶר שׁוֹין וַוייטֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן, דָאךְ טָאר עֶר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, נָאר וִויסְן אַז עֶר קֶען יֶעצְט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אַ אִיד הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ הָאפֶענוּנְג אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן, פַארְקֶערְט וָואס וַוייטֶער מֶען שְׁפִּירְט

זיך פונעם אייבערשטן, אלץ נענטער איז מען באמת צום אייבערשטן, דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב' סימן קיב): אם אתה מאמין שיכולין לקלקל, תאמין שיכולין לתקן; אויב שפירסטו טאקע אז דו ביסט דער ערגסטער מענטש, זאלסטו וויסן אז דו קענסט נאך זיכער אלעס פארריכטן.

איין טאג אין יאר, דער הייליגסטער טאג פון יאר, האט דער אייבערשטער אונז געגעבן א מתנה, וואס דער טאג אליין איז מכפר אויף אלע עבירות וואס מען האט געטוהן - אז מען גלייבט אין דעם (רמב"ם הלכות תשובה פרק א'; יומא פה ע"ב), יום כפור זענען אידן אין די מדריגה פון מלאכים, מען גייט אנגעטון ווייס, מען גייט אן שיך (שלחן ערוך אורח חיים סימן תריד סעיף ב), מען זיצט נאר אין בית מדרש און מען דאווענט פארן

אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער שָׂטָן קֶען דַאן גָארְנִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה בַּיים בַּאשֶׁעפֶער (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה א, ד).

וָואס טוּט מֶען יוֹם כִּפּוּר בַּיים דַאוֶונֶען? מֶען זָאגְט וִודוּי, מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיס פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהן, וָואס דָאס דֶערְבִּיטֶערְט אִים דִי לֶעבְּן, וַוייל אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְש טוּט וֶוערְט אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, דָאס הַרְגֶ'עט אִים אָפּ זַיין לֶעבְּן, אָבֶער אֵיינְמָאל אַז מֶען זָאגְט עֶס אַרוֹיס פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט דִי שְׁלֶעכְטְס אַרוֹיס פוּן דִי בֵּיינֶער, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד).

וִויפִּיל מָאל זָאגְט מֶען וִודוּי גַאנְץ יוֹם כִּפּוּר? צֶען מָאל! דָאס אִיז אַקֶעגְן דִי צֶען פַּיילְן וָואס דֶער סַמֶ"ךְ-

מֶ"ם דֶער אַכְזָר'דִיגֶער מֶלֶךְ הָאט אַרַיינְגֶעשָׁאסְן אִין אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה, וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "בַּת מֶלֶךְ", וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַּארְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, יוֹם שִׁשִּׁי), אַז דֶער סַמֶ"ךְ-מֶ"ם אִיז נָאכְגֶעלָאפְן אַ בַּת מֶלֶךְ, אוּן עֶר הָאט אִין אִיר אַרַיינְגֶעשָׁאסְן צֶען פַּיילְן, יֶעדֶער פייל אִיז גֶעוֶוען אַרוֹיפְגֶעשְׁמִירְט מִיט צֶען עֶרְלֵיי סַמִּים [גִיפְטְן], אַז וואוּ אִין דִי קֶערְפֶּער עֶס כַאפְּט נָאר, זָאל רַחֲמָנָא לִצְלָן דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְן פַארְגִיפְטֶעט, קוּמְט אוֹיס אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט צֶען אַזֶעלְכֶע פַּיילְן, הָאט עֶר גֶעבֶּעךְ אִין זִיךְ הוּנְדֶערְט סַכָּנָה'דִיגֶע סַמִּים, וָואס פַארְגִיפְטֶעט רַחֲמָנָא לִצְלָן זַיין גַאנְצֶע קֶערְפֶּער מִיט אַ שְׁטַארְקֶע יֵאוּשׁ אוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, אַז עֶר זֶעט מֶער נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, בִּיז עֶס קוּמְט אַ צַדִיק, עֶר נֶעמְט זִיךְ

אוּנְטֶער אוּן עֶר זָאגְט, ״אִיךְ הֵייל זִי״ (עַיֵין שָׁם בִּפְנִים הַסִפּוּר וְתָבִין), דֶער צַדִיק הֵיילְט אוֹיס אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, דֶער צַדִיק לֵייגְט אִין אוּנְז אַרַיין אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט, אַ מוֹרָא׳דִיגֶע אֱמוּנָה, עֶר וַוייזְט אוּנְז אַז מִיר הָאבְּן נָאךְ יָא אַ תַּקָנָה, טְרָאץ דִי אַלֶע גִיפְּטִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאַכְזָר דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם הָאט אִין אוּנְז אַרַיינְגֶעשָׁאסְן, אַז מִיר הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה, אוּן טְרָאץ דֶעם וָואס עֶר הָאט אַפִּיר גֶעבְּרֶענְגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַלֶע מַאֲמָרֵי חֲזַ״ל, אַז עֶר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קַיין עוֹלָם הַבָּא, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גֵיהִנוֹם, דָאךְ שַׁיינְט דֶער צַדִיק אַרַיין אִין אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה אַזַא הִתְחַזְקוּת, אַז עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים שׁוֹין גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף נִישְׁט קַיין גֵיהִנוֹם, עֶר דַארְף נִישְׁט

קַיין גַן עֵדֶן, עֶר דַארְף נִישְׁט גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זִינְגֶען דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים עג, כה): "מִי לִי בַשָּׁמַיִם" - וֶועמֶען הָאבּ אִיךְ אִין הִימְל? וַוייל אֲפִילוּ אִין הִימְל זֶענֶען אוֹיךְ אַלֶע מְקַטְרֵג אוֹיף מִיר (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן יד), אָבֶּער "וְעִמְּךָ" - אַז אִיךְ הָאבּ דִיר בַּאשֶׁעפֶער, "לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ" - דַארְף אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם אַרְצִיּוּת; אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען וַוייטֶער: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַבָּא, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַזֶה, אִיךְ דַארְף נָאר דִיר אַלֵיין". דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּמֶען, אַז עֶס אִיז אִים שׁוֹין גָארְנִישְׁט קַיין חִילוּק, מֶען קֶען אִים שׁוֹין מִיט גָארְנִישְׁט אָפְּשְׁרֶעקְן, עֶר הָאט נָאר דֶעם

בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער קֶען מֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

דִי מַתָּנָה הָאט כְּלַל יִשְׂרָאֵל בַּאקוּמֶען יוֹם הַקָדוֹשׁ, דֶעמָאלְטְס וֵוייסְן מִיר אַז מִיר הָאבְּן נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן מִיר וֶועלְן אֵיינְס מִיטְן בַּאשֶׁעפֶּער, וְוִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה שָׁם): "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בוֹקֶר יוֹם אֶחָד" - זֶה יוֹם הַכִּפּוּרִים. יוֹם כִּפּוּר וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹיר, אַז סֵיי עֶס אִיז מִיר פִינְסְטֶער סֵיי עֶס אִיז מִיר לִיכְטִיג, אִיז אַלֶעס דֶער זֶעלְבֶּער אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער; נָאר פַּאר אִים דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן, אוּן עֶר וֶועט מִיר אַלֶעס מוֹחֵל זַיין.

דָאס אִיז דִי מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק, וָואס דַאן לֶערְנְט אִים דֶער צַדִיק אוֹיס צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן רֶעדְן יֶעדֶע זַאךְ

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז קֵיינֶער קֶען אִים שׂוֹין נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אָדֶער אָפְּשְׁרֶעקְן, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר מַדְרֵיגָה צוּ וָואס אַ אִיד דַארְף קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר דַארְף וִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, אוּן אֲפִילוּ אַז דִי גַאנְצֶע פַּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה וֶועט מִיר זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין תַּקָנָה, וֶועל זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט צוּטוּהן מַאכְן, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן פוּן אִים וֶועל אִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין.

דָאס אִיז דֶער בַּאדֵייט פוּן דְבֵיקוּת אִין בַּאשֶׁעפֶער, דְבֵיקוּת אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן קְלֶעבַּאכְץ, אַז מֶען נֶעמְט צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר אוּן מֶען קְלֶעבְּט דָאס צוּזַאם מִיט אַ שְׁטַארְקְן קְלֶעבּ, קֶענְסְטוּ דָאס נִישְׁט צֶעטֵיילְן, אוֹיבּ יָא וֶועט זִיךְ מִיט רַייסְן אֵיינְס מִיט דִי אַנְדֶערֶע, דִי זֶעלְבֶּע

זַאךְ דַארְף אַ אִיד זַיין אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֲפִילוּ חָלִילָה עֶר פַאלְט אַרָאפּ, אוּן מֶען ווִיל אִים אָפְּרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעמְט עֶר מִיט כִּבְיָכוֹל דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט זִיךְ, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט נָאר דוּרְךְ אוֹיף אִים וֶועט עֶר אוֹיסְפַּארְצֵיילְן אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעזִינְגֶען (תְּהִלִּים כג, ד): "גַּם כִּי אֵלֵךְ בְּגֵיא צַלְמָוֶת, לֹא אִירָא רָע" – אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל גֵיין אִין טִיפְן אָפְּגְרוּנְד, אִיךְ וֶועל זַיין אִין טוֹיט שָׁאטְן, דָאךְ הָאבּ אִיךְ פוּן גָארְנִישְׁט קַיין מוֹרָא, פַארְוָואס? "כִּי אַתָּה עִמָּדִי" – וַוייל דוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם בִּיסְט מִיט מִיר. אַז מֶען הָאט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא וָואס וֶועט זַיין וְכוּ'.

יֶעצְט וֶועלְן מִיר פַארְשְׁטֵיין אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, מִיר זֶעעֶן אַז פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה גֵייט מֶען יֶעדְן טָאג הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, מֶען וֶוערְט אַלְץ נֶענְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בִּיז עֶס קוּמְט דֶער הֶעכְסְטֶער טָאג פוּן יָאר יוֹם כִּפּוּר, דַאן גֵייט מֶען אַרַיין אִין דִי גְרֶעסְטֶע קְדוּשָּׁה, פּוּנְקְט אֵיין טָאג פַארְדֶעם, עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אִיז אַ מִצְוָה זִיךְ אַוֶועקְצוּזֶעצְן עֶסְן אַ פֵיינֶע סְעוּדָה, עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ עֶסְן דֶעם טָאג וָואס מֶער (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תרד), אוּן עֶס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט וִוי מֶען וָואלְט גֶעפַאסְט (בְּרָכוֹת דַף ח). פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (הִלְכוֹת ראשׁ הַשָּׁנָה, סִימָן ב, אוֹת ו) דָאס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, אַלֶע טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה בִּיז יֶעצְט, גְרֵייט מֶען זִיךְ אַלְץ מֶער אוּן מֶער צוּ יוֹם הַקָּדוֹשׁ, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן מֶען

פַּאסְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִים סִימָן תר״ב ותר״ג), בִּיז עֶס קוּמְט דֶער טָאג פוּן י״ג מִדוֹת, וָואס אִיז דַאן אִיז שׁוֹין גָאר אַ גְרוֹיסֶער הִתְעוֹרְרוּת בַּיי אִידְן, לוֹיט דֶעם וָואלְט אַ טָאג פַאר יוֹם הַקָדוֹשׁ מַמָשׁ, גֶעוֶועןְ דִי פַּאסִיגְסְטֶע הֲכָנָה מֶען זָאל וָואס מֶער פַּאסְטְן, דֶערְוַוייל הֵייסְט אוּנְז דִי תוֹרָה עֶסְן וָואס מֶער, דֶער גוּף זָאל וֶוערְן מֶער מְגֻשָׁם ? !

דָאס וַוייזְט אוּנְז, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (שָׁם), אַז אוֹיבּ וִויל מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אַז מֶען זֶעהְט אַז פּוּנְקְט דֶעמָאלְטְס פַּאלְט מֶען אַרָאפּ אַסַאךְ מֶער אוּן אַסַאךְ טִיפֶער וִוי אֵייבִּיג, וַוייל אַזוֹי גֵייט דָאס, דַוְקָא וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַריין אִין דִי הֶעכְסְטֶע קְדוּשָׁה, גֶעבְּט מֶען אִים פַארְדֶעם אַזֶעלְכֶע מְנִיעוֹת, וָואס עֶר הָאט אִין זַיין

לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהַאט, פּוּנְקְט דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען אִים אוֹיסְפַּיינִיגְן מִיט אַזֶעלְכֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט פָּארְגֶעשְׁטֶעלְט, אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, אוּן אַז עֶר וֶועט זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ וֶועט עֶר אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּ דִי קְדוּשָׁה.

ג.

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן אַלֶע בִּיטֶערֶע אוּן נִידְרִיגֶע דוּרְכְפֶּעלֶער וואוּ עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין לֶעבְּן, נָאר אַז עֶר הָאט זֵייעֶר אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, אָבֶּער רֵיינֶע אֱמוּנָה קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן נָאר דוּרְךְ אַן אֶמֶת'עֶן צַדִיק (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז), דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם אֶמֶת'עֶן צַדִיק, וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און קֵיינְמָאל חָלִילָה נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פון אִים.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד פון מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעלִיטְן אוֹיף דִי פִּיס, און עֶר הָאט גֶעדַארְפְט גֵיין מִיט צְוֵויי שְׁטֶעקֶענֶעס, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַמָאל גֶעזָאגְט, אַז דִי סִבָּה וִוי אַזוֹי מִיר תַּלְמִידִים הָאבְן אַזוֹי סַאךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פון אוּנְזֶער גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד, אִיז גֶעוֶוען צוּלִיבּ דֶעם, וָואס מִיר הָאבְן גֶעהַאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע יִרְאָה און פַּחַד פון אִים, אַזוֹי וַוייט אַז וֶוען מִיר הָאבְן נָאר גֶעהֶערְט דִי קוֹל פון דִי קְרָאטְשֶׁעס אַז דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד קוּמְט צוּ גֵיין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, וִוי מִיר זֶענֶען גֶעזֶעצְן צוּזַאמֶען, הָאט אוּנְז מַמָשׁ גֶעקְלַאפְּט דִי צֵיינֶער אִין מוֹיל פון גְרוֹיס אֵימָה

און פַּחַד, וֶוען עֶר הָאט אוֹיפְגֶעמַאכְט דִי טִיר הָאבְּן מִיר זִיךְ אַלֶע אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה בְּרֶתֶת וְזִיעָה, און גֶעוַוארְט עֶר זָאל זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן, אֵיינְמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד אַרַיינְגֶעקוּמֶען און זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט, עֶר הָאט גֶעוַוארְט מִיר אַלֶע זָאלְן זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן, דַאן הָאט עֶר אוּנְז אַזוֹי גֶעזָאגְט: הֶערְט מִיךְ אוֹיס! יֶעצְט אִיז צוּ מִיר גֶעקוּמֶען דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם און גֶעזָאגְט, אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי תַּלְמִידִים, וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף מִיר און מַיינֶע קִינְדֶער. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ בְּתַחֲנוּנִים, ״טוּט מִיר אַ טוֹבָה לָאזְט מִיךְ אָפּ און גֵייטְס לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם, אִיךְ בִּין אַלֵיין אַ שְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ, און דָאס פֶעלְט מִיר נָאךְ אוֹיס אַז מֶען זָאל זִיךְ נֶעמֶען אוֹיךְ אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל מִיר וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ דֶערְצוּ״.

װֶוען דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן זַייעֶר גֶעטְרֵייעֶן רֶבִּי״ן אַזַא פַארְלַאנְג, אִים אָפְּצוּלָאזְן חַס וְשָׁלוֹם, הָאבְּן אַלֶע אוֹיפְאֵיינְמָאל גֶעזָאגְט: רֶבִּי, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁוֶוערְן, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען מֶעג שְׁוֶוערְן, שְׁוֶוערְן מִיר אַז מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אַװֶעק פוּן אַייךְ, מִיר הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען בַּיים רֶבִּי״ן, מִיר װֶועלְן אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל נִישְׁט אַװֶעקְגֵיין פוּן רֶבִּי״ן. אוּן וִויפִיל עֶר הָאט זִיךְ נָאר גֶעבֶּעטְן בַּיי זֵיי, זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם רֶבִּי״ן; װֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער װֶוען דֶער סַמֶ״דְ-מֶ״ם אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ אִים [אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט], הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן דִיר! אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אַזוֹי מְקוּשָׁר צוּ זַייעֶר רֶבִּי״ן,

דֶערשְׁרֶעק אִיךְ מִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט פוּן דִיר. רוּפְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ-מֶ"ם אָן: אַזוֹי, דוּ הָאסְט נִישְׁט מוֹרָא פוּן מִיר? יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן, אִיךְ וֶועל אוֹיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן חֲסִידִים אוּן תַּלְמִידִים, וָואס זֵיי וֶועלְן קְרִיגְן אוּן פַארְדֶערְקְן אַלֶעס וָואס דַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן חֲסִידִים זֶענֶען מְגַלֶה, דַיינֶע תַּלְמִידִים ווילְן נָאר מְגַלֶה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן זֵיי וֶועלְן דָאס אַלֶעס מְבַלְבֵּל זַיין אוּן פַארְמִישְׁן, בִּיז מֶען וֶועט נִישְׁט ווִיסְן צוּ וֶועם יָא צוּ גֵיין אוּן צוּ וֶועם נִישְׁט צוּ גֵיין. לֵיידֶער לֵיידֶער אִיז דָאס מְקוּיָם גֶעוָוארְן מִיטְן פוּלְסְטְן זוּנֶען פוּן וָוארְט, בִּפְרַט ווִי מֶען זֶעהְט הַיינְט, אַז מֶען זָאגְט אוֹיף אוּנְז כָּל דָּבָר אָסוּר, זַאכְן וָואס הֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אָן אוּן לָאזְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, פַארְן סַמֶ"ךְ-מֶ"ם

לוֹינְט זִיךְ אַלֶעס אַבִּי אַוֶועקְצוּרַייסְן נָאךְ אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז אַ בָּחוּר׳ל הָאט בַּיי זִיךְ גֶע׳פּוֹעֵל׳ט צוּ פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, עֶר נֶעמְט אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְט פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת מִיט אַ חַיוּת, וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף דֶעם גְלַייךְ ? עֶה... דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט ! עֶס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד ! בִּשְׁעַת אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם יֶעצְט [אִין דִי בֵּין הַזְּמַנִים טֶעג] טוֹיזֶענְטֶער הֵיימִישֶׁע בָּחוּרִים פּוּסְט אוּן לֵיידִיג, אוּן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן מִיט דִי צַייט, זֵיי זוּכְן נָאר עֶס זָאל אוּנְטֶערְקוּמֶען עֶפֶּעס אִינְטֶערֶעסַאנְטֶס וְכוּ׳, אִין דֶער צַייט וָואלְטְן זֵיי דָאךְ גֶעקֶענְט רוּאִיג עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, צֶענְדְלִיגֶער בְּלֶעטֶער גְמָרָא וְכוּ׳, בִּכְלַל דַארְף מֶען וִויסְן אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַ רוּחָנִיוּת׳דִיגֶע זַאךְ,

און אִין דִי מִינוּט וָואס אַ מֶענְטְש לֶערְנְט, עֶר לֵייגְט אַרַיין זַיין מֹחַ צוּ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, יֶענֶע מִינוּט אִיז עֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בְּלַייבְּט שׁוֹין מִיט אִים אוֹיף אֵייבִּיג, דִי גוּף וֶועט מֶען טַאקֶע פְּרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער אַרַיינְלֵייגְן אִין קֶבֶר און גֶעעֶנְדִיגְט, אָבֶער דִי מִינוּטְן וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אֵיין מִשְׁנָה און נָאךְ אַ מִשְׁנָה, אֵיין פֶּרֶק און נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אֵיין דַף און נָאךְ אַ דַף גְמָרָא, אֲפִילוּ עֶר הָאט דָאס תֵּיכֶּף פַארְגֶעסְן, דָאס גֵייט גְלַייךְ אַרוֹיף אִין הִימְל און בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת לִימוּד סִימָן י׳) אַז יֶעדֶע יְדִיעָה אִין דִי תּוֹרָה אִיז אַן אֵייבִּיגֶע הַצְלָחָה.

אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט לוֹיט דֶעם "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו), יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מִדְרָשִׁים, זֹהַר, תִּיקּוּנִים וְכוּ', וֶועט עֶר דָאס בַּיים סוֹף עֶנְדִיגְן, דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי"ן, הָאבְּן בְּמֶשֶׁךְ זֵייעֶר לֶעבְּן זִיךְ אָנְגֶעפוּלְט מִיט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען שַׁ"ס בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי תּוֹסֶפְתָּא, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע הוֹיפְּט לִימּוּדִים פוּן דִי תּוֹרָה, ווִידֶער דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט דֶערְפוּן, אַז דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, מֶען זָאגְט נָאר סְתַּם דִי ווֶערְטֶער... אוּן נָאךְ אַזאנֶע תֵּירוּצִים, זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גֶעבְּלִיבְּן אָרֶעם אוּן נַאקֶעט, כָאטְשִׁיג זֵיי הָאבְּן בֶּאֱמֶת אוֹיךְ גֶעוָואלְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעוָואלְט דוּרְכְגֵיין כָאטְשׁ אֵיינְמָאל שַׁ"ס, אָבֶער

וִויבַּאלְד זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט שְׁלֵימוּת, דַוְקָא צוּ פַאְרְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט, זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט.

אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל לֶערְנֶען בְּעֹמֶק הָעִיּוּן מִיט אַלֶע מְפָרְשִׁים, זִיצְן אוּן הָארֶעוֶועןְ אִין תּוֹרָה מִיט הַרְחָבַת הַדַעַת, אִיז טַאקֶע זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע אוּן חָשׁוּב׳עֶר זַאךְ, אָבֶּער עֶר וֶועט קֶענֶען וַוארְטְן אַז דֶער טָאג זָאל אָנְקוּמֶען, וַוייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ יֶעדְן טָאג פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע וִויכְטִיגֶע זַאכְן, אֵיינְמָאל מוּז עֶר גֵיין צוּם דָאקְטֶער, אֵיינְמָאל מוּז עֶר גֵיין מִיט זַיין וַוייבּ, אֵיינְמָאל מִיט דִי קִינְדֶער, דָא הָאט עֶר אַ שִׂמְחָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אַז יֶעדְן טָאג אִיז דָא אַ אַנְדֶערֶע גוּטֶע תֵּירוּץ, פַארְוָואס עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען דֶעם קָאפּ, זִיךְ גֶעהֶערִיג אַרָאפְּזֶעצְן דוּרְכְלֶערְנֶען אַ

שְׁטִיקְל גְמָרָא ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דֶערְוַוייל לוֹיפְן דוּרְךְ טֶעג וָואכְן חֲדָשִׁים אוּן יָארְן (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, פִּקָּדוֹן הֲלָכָה ד), פְּלוּצְלִינְג רוּפְט מֶען שׁוֹין אוֹיס "בָּרוּךְ דַּיָּן הָאֱמֶת" דֶער אוּן דֶער אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, יֶעצְט הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶ מַסֶּכְתָּ מִיט דֶעם נִפְטָר, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי יוֹסֵי בֶּן קִסְמָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו, ט): אֵין מְלַוִּין לוֹ לָאָדָם לֹא כֶסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד.

וָואס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ? נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט! אַז עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י, פוּן זוּנְטָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, אַזוֹי אַז עֶר הָאט יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען, אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען סוֹף יָאר הָאט עֶר גֶעעֶנְדִיגְט אַלֶע פוּנֶעף

חֲמָשִׁים, דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף אֵייבִּיג, אָבֶּער אַז אֵיינֶער וִויל שְׁלֵימוּת אוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דַוְקָא פְּרַייטָאג, וֶועט עֶר נָאכְדֶעם אַסָאךְ וָואכְן אִינְגַאנְצְן נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, [סְפֶּעצִיעֶל דִי סִדְרוֹת וָואס גֶעפַאלְט אוֹיס אִין דִי פַארְנוּמֶענֶע יָמִים טוֹבִים טֶעג], בִּיז צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט עֶר אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, דִי זֶעלְבֶּע בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע לִימוּדִים, אוֹיבּ וִויל מֶען נָאר לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג מִיטְן גַאנְצְן שְׁלֵימוּת, לֶערְנְט מֶען צוּם סוֹף גָארְנִישְׁט, אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט גֶעהַאט שֵׂכֶל אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, תַּנַ"ךְ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא וְכוּ', עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהן גֶעמַאכְט אַז מֶען שְׁפֶּעט פוּן אִים, קֶען עֶר יֶעצְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם קוּמֶען אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, יֶעצְט לַאכְט עֶר פוּן יֶעדְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט תְּפִלָּה, אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דָאס בַּאגְלֵייט אִים בִּיזְן לֶעצְטְן טָאג, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ (רַבָּה, פֶּרֶק יג): **לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת הֵם מְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שָׁעָה שֶׁנִּכְנַס לְבֵית עוֹלָמוֹ.** אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס בְּלַייבְּט מִיט אִים בִּיזְן לֶעצְטְן מִינוּט, נָאר דָאס קֶען אִים דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע מַצָּבִים; דָאס קֶען מֶען זֶעהן בְּחוּשׁ בַּיי עֶלְטֶערֶע אִידְן וֶוען זֵיי קוּמֶען אִין טִיפְן עֶלְטֶער, וִוי זֵיי זִיצְן אַלֵיין עֶלְנְד וִוי אַ שְׁטֵיין, דִי וַוייבּ הָאבְּן זֵיי שׁוֹין פַארְלוֹירְן, דִי קִינְדֶער זֶענֶען מוֹרָא'דִיג פַארְנוּמֶען אוּן פַארְגֶעסְן צוּ קוּמֶען צוּם טַאטְן, אוּן אַז דִי אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן דִי אוּר אֵיינִיקְלֶעךְ זֶעהן אַז דִי טַאטֶע קוּמְט נִישְׁט צוּם זֵיידְן קוּמֶען זֵיי אַוַודַאי נִישְׁט צוּם זֵיידְן... אַזוֹי

בְּלַייבְּט דֶער זֵיידֶע נֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן, אוּן עֶר עֶסְט זִיךְ אוֹיף, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט פוּן דִי יוּגְנְט צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דַארְף עֶר שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט הָאבְּן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים בִּכְלַל נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ קוּמֶען יָא אָדֶער נִישְׁט, עֶר זִיצְט אוּן רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, מֶער דַארְף עֶר גָארְנִישְׁט.

דָאס רֶעכֶענֶען חֲזַ"ל אוֹיס (אָבוֹת פֶּרֶק ה, כא) דִי סֵדֶר פוּן אַלֶע יָארְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, בִּיז "בֶּן תִּשְׁעִים לָשׁוּחַ" - אַז אַ מֶענְטְשׁ דֶערְלֶעבְּט שׁוֹין דִי נַיינְצִיג, דַאן רֶעדְט עֶר שׁוֹין נָאר צוּם בַּאשֶׁעפֶער; "בֶּן מֵאָה עָבַר וּבָטֵל מִן הָעוֹלָם" - אַז עֶר דֶערְלֶעבְּט דִי הוּנְדֶערְט אִיז עֶר שׁוֹין אִינְגַאנְצְן בָּטֵל צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דָאס אִיז דִי הוֹיפְּט נְקוּדָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רפז): וָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּהן אוֹיף דֶער וֶועלְט? עֶר דַארְף נִישְׁט מֶער וִוי דַאוֶוענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען! אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט מֶער וִוי רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן לֶערְנֶען אוּן וַוייטֶער רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, ווּאוּנְדֶער אִיבֶּער ווּאוּנְדֶער, דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (תִּקוּנֵי זֹהַר דַף קמג ע"א): רַעֲיָא מְהֵימְנָא דְּלֹא זָז מִשְּׁכִינְתֵּיהּ בְּכָל אֲתַר. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֶערִירְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער; דָאס וִויל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוינִיגֶער אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַזֶעלְכֶע קְלֵיינֶע נְשָׁמוֹת וִוי מִיר זֶענֶען, מִיר זָאלְן אוֹיךְ רֶעדְן צוּם

בַּאשֶׁעפֶּער, זִינְגֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶּער, טַאנְצְן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן נָאכְאַמָאל רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶּער, מִיר זָאלְן אוֹיךְ וִויסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג אַריינְכַאפְּן אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אַבִּיסְל גְמָרָא אוּן דָאס גְלַייכְן, דָאס אִיז צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וִויל אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען, דֶערִיבֶּער אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיסְצוּהֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן, אוּן נִישְׁט זִיךְ צוּטוּהן מַאכְן פוּן דִי אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער וָואס מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט אִין לֶעבְּן, אוּן פוּן דִי אַלֶע וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן דִי אֱמֶתְ׳עֶ צַדִיקִים, וֶועלְן מִיר אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם.

ד.

אֵיין זַאךְ דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶן, אַז יוֹם כִּפּוּר אִיז טַאקֶע מְכַפֵּר אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת ״בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם״, אַז

אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶעס מוֹחֵל, אָבֶער עֲבֵירוֹת "בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ", אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט זַיין חַבֶר, נוּצְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט בִּיז עֶר בֶּעט אִים אִיבֶּער. מֶענְטְשְׁן כַּאפְּן נִישְׁט אַז בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר הַארְב, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אָדֶער וֵויי טוּהן אַ צְוֵוייטְן אִיד, בֶּאֱמֶת פוּן וואו קוּמְט אַלֶע מַחֲלֹקֶת אוּן שְׁטֶעכֶערַיי פוּן אֵיינֶער אוֹיף אַ צְוֵוייטְן?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן עה), דָאס קוּמְט נָאר פוּן דִי בְּלוּט וָואס עֶס קָאכְט אִין אַ מֶענְטְשׁ, אוּמְרֵיינֶע בְּלוּט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלוֹיטֶערְט, דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ אַלֶע מַחֲלֹקֶת, וַוייל וָואס הָאסְטוּ מִיט יֶענֶעם? פַארְוָואס בַּארֶעדְסְטוּ יֶענֶעם? פַארְוָואס זוּכְסְטוּ יֶענֶעם

אוֹיפְצוּוּעֶסְן? פַּארְוָואס לֵייגְסְטוּ פַּאשְׁקֶעוִוילְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן? מִיט דִיר אַלֵיין הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט?! אַוַודַאי קוּמְט דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם מִיט זַיין גֶעשְׁלִיפְן צִינְגְל אוּן מִיט זַיינֶע גֶערִיבֶּענֶע תֵּירוּצִים, אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה יֶענֶעם אוֹיסְצוּרַייסְן וְכוּ׳, אָבֶּער פוּן אַזֶעלְכֶע מִצְוֹת דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן! דָאס זֶענֶען מִצְוֹת פוּנֶעם סַמֶ״ךְ-מֶ״ם! ״אָבֶּער עֶר פַּארְקֶרִיכְט דָאךְ פוּנֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג״, אֵיינֶער בֶּעט דִיךְ דֶען מִיטְצוּגֵיין מִיט דֶעם וֶועג? גֵיי דוּ יָא אוֹיפְן גוּטְן וֶועג, אָבֶּער זַיי שְׁטִיל, יֶענֶעם לָאז אָפּ! וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, דוּ שְׁרַייסְט אוּן פַּארְפִירְסְט אוֹיף יֶענֶעם, בִּשְׁעַת אִין אֱמֶת לֶעבְּסְטוּ רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין אַ גְרוֹיסְן טָעוּת, וִוי יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא קְלָאגְט (יְשַׁעְיָה ה, כ): הוֹי הָאֹמְרִים לָרַע טוֹב וּלְטוֹב רַע, שָׂמִים חֹשֶׁךְ לְאוֹר וְאוֹר

לַחֹשֶׁךְ, שָׂמִים מַר לְמָתוֹק וּמָתוֹק לְמָר. מֶען דְרֵייט לֵיידֶער אִיבֶּער, וָואס אִיז לֶעכְטִיג זָאגְט מֶען אַז עֶס אִיז טוּנְקֶל, אוּן וָואס אִיז זִיס זָאגְט מֶען אַז עֶס אִיז בִּיטֶער וְכוּ'. מֶען וֶוערְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַיינְגֶערֶעדְט אִינֶעם טָעוּת בִּיז מֶען אִיז אִיבֶּערְצֵייגְט דֶערִין, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט זַיין מֹחַ אַבִּיסְל קְלָארֶער אוּן לוּיטֶערֶער, אַזַא מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט שׂוֹין וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת, עֶס אִינְטֶערְסִירְט אִים נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת, עֶר זוּכְט נָאר ווִי אַזוֹי עֶר קֶען מְחַיֶה זַיין נָאךְ אַ אִיד אַז עֶר זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין נָאךְ אַ אִיד צוּ לֶערְנֶען מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא, וָואס דָאס אִיז זַיין עֲשִׁירוּת, דָאס אִיז זַיין חֵלֶק אוֹיף אֵייבִּיג, ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל

אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַ גְלִיקְלִיכְן לֶעבְּן, מֶער פוּן דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט אִים גָארְנִישְׁט.

דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פוּנְקְטְלִיךְ פַארְוָואס יֶענֶער טוּט אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אוּן מֶען הָאט אַ קַשְׁיָא אוֹיף יֶענֶעמְס וֶועג, דַארְף מֶען וִויסְן אַז אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם קֶען מֶען הָאבְּן קַשְׁיוֹת, דִי עֶרְשְׁטֶע קַשְׁיָא קֶען מֶען הָאבְּן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אַז אִיךְ הָאבּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן פַארְוָואס זָאל אִיךְ אִים נִישְׁט פָאלְגְן? פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ? פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג וָואס מֶער מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּנֶעם רֶבִּי'ן? אָבֶער אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'נְס זַאךְ, וֶועגְן דֶעם

דַארְף אִיךְ שׁוֹין וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן? פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן אוּן מִיט אַ חַיוּת? אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ מַאכְן אַ לַאנְגְן חֶשְׁבּוֹן וָואס מֶען הָאט אַלְץ צוּ פַארְרֶעכְטְן, עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (תְּרוּמָה קלא ע״ב) אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען, דָאס אִיז אַ בִּזָיוֹן פַאר דִי שְׁכִינָה. בִּרְכַּת הַמָזוֹן אִיז אַ דְאוֹרַיְיתָא, אוּן מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר, אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָה אִין אַ סִידוּר יֶעדֶע נַאכְט, בְּלוֹיז מִיט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע לוֹיט דֶעם סֵדֶר פוּן אַרִיזַ״ל, וִוי מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אַ גַאנְצְן טָאג (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע הֲלָכָה ב), דוּרְךְ קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִטָּה צוּשְׁנַיידְט מֶען

אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס מֶען הָאט בַּאשַׁאפְן (בְּרָכוֹת ה, ע״א), אַזוֹי וַוייט אַז בִּלְעָם הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט (בַּמִּדְבָּר כג, כד וְעַיֵּין בְּרַשִׁ״י): אִיךְ קֶען דֶעם אִידִישְׁן פָאלְק נִישְׁט שֶׁעלְטְן, וַוייל וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף לֵיינְט עֶר קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן וֶוען עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן לֵיינְט עֶר קְרִיאַת שְׁמַע. דֶעם חֶשְׁבּוֹן דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ מַאכְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּ דֶעם אָנְקוּמֶען? אָבֶער וִוי אִיז דָא צַייט צוּ פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת אוֹיף יֶענֶעם? אוּן אַז אִיךְ טוּ אַלֶע זַאכְן אוֹיפְן בֶּעסְטְן אוֹפָן, אוּן עֶס אִיז מִיר נָאךְ אַלְץ גֶעבְּלִיבְּן צַייט, קֶען אִיךְ זָאגְן נָאךְ אַבִּיסְל תְּהִלִים, דֶער עִיקָר נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט קְרִיגְן אוֹיף יֶענֶעם חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן דָאס אַלֶעס מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אוּן נָאךְ אִין דֶעם יוֹם הַקָּדוֹשׁ זוֹכֶה זַיין אוֹיסְגְלֵייזְט צוּ וֶוערְן מִיט אַ גַאנְצֶע

מְחִילַת עֲווֹנוֹת, און דוּרְכְדֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען חֲנֻכַּת בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז), אַז דֶער מֹחַ זָאל אוֹיפְגֶעבְראכְטְן וֶוערְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן יג), דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ פוֹעֵלְ'ן אַן אֱמֶתְ'עֶ חֲתִימָה טוֹבָה, און מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה** ומשפ',

**אלחנן חיים** ומשפ',

**מרים העניא זיסל** ומשפ',

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא

את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון

בבני חיי ומזוני רוויחא

ויזכו לרות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון